בעזהי"ת

ספר

# קול מבשר

HE

א וויכטיגער ספר וואס ער לערענט
דעם פאלק ישראל דעם דרך התשובה
אום מען זאל ווערט זיין די גאולה.


געשריבען מהרב המחבר

ר' אלי' מרדכי הכהן מזאה



שנת תש"ג

ניו יארק

נאכדרוק פארבאטען

צו א פדיון הבן רופט

# הרב ר׳ אלי׳ מרדכי הכהן מזאה

30 ראַטגערס סטריט

ניו יאָרק

# הקדמה

דיזער ספר ווען דער לעזער וועט איהם לייענען וועט ער פערשטיין אליין די וויכטיגקייט און ער באדארף נים קיין הקדמה, און צוליב לויבען און דערציילען די גרויסקייט פון אלע מיינע ספרים דארף איך דאס אויך נים. די ספרים אליין זאגען זייער וויכטיגקייט און אלע מיינע ספרים זיינען ב"ה פארשפרייט איבער דער גאנצער וועלט. מיינע ספרים אין אידיש — „הצלת נפשות", „שמירת הנפשות" און „ברכת הנפשות" ווערען געלערענט אין פיעלע שוהלען. דער ספר „פתרון חלומות" מיט 2 תחנות פאר'ן שלאפען געהן און א תחנה פאר'ן פריה מארגען ווערט דאס געלייענט פון פיעלע פרומע פרויען. די הלכה ספרים — ספר „שפתי ראם", הלכה וספר „חדושי ראם", הלכה וספר „הגה ראם", דרשות והדרנים זיינען פאראנאנדער געשיקט צו פיעלע רבנים, וועלכע איך האב נאר געהאט זייערע אדרעסען, און איך בעט ענטשולדי־גונג פון די רבנים, וואס איך האב זיי נים געשיקט מיינע ספרים, ווייל איך האב נים זייערע אדרעסען. איך וויל זיי בע־מען, אויך אלע ת"ח, וועלכע ווילען האבען מיינע ספרים, דאס זיי זאלען מיר גלייך שיקען די אדרעסען זייערע, וועל איך זיי שיקען מיינע ספרים.

# הקדמה

צוליב דעם שרייב איך די הקדמה און איבערהויפט שרייב איך די הקדמה צוליב דעם ספר „נדה, חלה, הדלקת הנר", וואס איך האב געדרוקט אין אידיש, וואס איז זייער וויכטיג פאר יעדע יונגע פרוי צו האבען דעם ספר. כאטש פיעלע האבען געמאכט די ספרים פאר יונגע פרויען, אבער זיי זיינען פער־גרייזטע און מיינע זיינען בעזהש"י אהן קיינע גרייזען, זאל מען זיי זעהן קויפען און פערשפרייטען צווישען יונגע פרויען. און דער שכר דערפון איז זעהר גרויס, ווייל מיט דעם ספר פארהיט מען בעזהש"י פיעל יונגע פרויען פון פיעל עברות.

איך בעט יעדען וועלכער האט געקויפט מיינע ספרים, אבער נים אלע, זאל ער קויפען אלע, ווייל יעדער ספר האט זיך זיין וויכטיגקייט און זיין זאך אויף וואס ער איז נויטיג מען זאל לערנען עטליכע מאהל, דאס זיינען ספרים צו לערנען און דער וועלכע לערענט די ספרים ווערט העכער אין מדרגה און וויים ווי צו דינען ג' ב"ה.

איך וואלט געדרוקט אפטער די ספרים נאר איך מוז האבען הילפע צו פערקויפען זיי, די ספרים סטארס ווילען נים קויפען, איך וויים נים די אורזאכע, כאטש איך פארקויף זעהר ביליג.

אידען, קויפט מיינע ספרים! ומלאה הארץ דעה את ד', וועלען מיר ווערען א פאלק פון תורה ומצוות, אלע צוזאמען וועלען מיר זוכה זיין צו א גאולה מיט געזאנג פון ג' ב"ה.

כברכת,

**הרב ר' אליי מרדכי הכהן מואה**

# קול מבשר

## א.

איך געה שרייבען דיזען ספר און איך געה ריידען צום כלל ישראל. מען מוז וויסען צו איז מען ראוי דאצו, אבער איך מוז ריידען. עס איז אזעלכע געדאנקען וואס דער כלל ישראל מוז זיי וויסען, און אויב מיינע רייד וועלען אויפטאהן, איז דאס זיכער פון די גרעסטע זאכען וואס קענען אויפגעטאהן ווערען.

איך וועל שרייבען וועגען היינטיגע צייטען, וואס מיר ווע־לען זיי רופען חבלי משיח. אלע פעלקער פון גאר דער וועלט ליידען זעהר פיעל, זייערע פיהרער זיינען צוטומעלט, זיי ווייסען נים וואס צו טאהן, די צייט איז שלעכט און קיין ענדע צו די שלעכטסקייט זעהט זיך נים און ווען וועט בעסער ווערען ווייס קיינער נים. די אידישע פאלק, ווייל זי איז אין גלות און זייענדיג פארשפרייט אויף גאר דער וועלט צווישען אלע פעלקער, ליידען זיי אלס א טהייל פון יענעם פאלק וואו זיי געפינען זיך, און ווען עס ליידט די פאלק וואו זיי געפינען זיך זעלבסטפערשטענדליך דאס זיי קענען זיך נים אויסדרייען פון די ליידונגען וואס עס ליידט די פאלק וואו זיי געפינען זיך.

און דער איד, כאטש ער האט פערלארען זיין לאנד, זיין היים, זיין גרויסקייט, זיינע גייסטיגע און מאטעריאלישע פארגעני־גענס און ער איז אין גלות צוזייט און צושפרייט צווישען אלע פעלקער, וואלט ער געוועז צופרידען צו נעהמען אנטהייל מיט דעם פאלק וואו ער געפינט זיך, סיי אין לײדען און סיי אין פריידען, טראץ דעם וואס עס קען זיין אז די פאלק וואו ער געפינט זיך באגיים פיעל נארישקייטען און מאכט פיעל פא־ליטישע פעהלערען, און די אידען וואס געפינען זיך ביי זיי ליידען צוליב זיי זעהר פיעל, דאך וואלטען אידען געווען צו־פרידען ווען מען רעכענט זיי פאר גלייכע בירגער, און מען יאגט זיי נישט און מען פאגראמירט זיי נישט, אבער צום בעד־דויערען האנדלען די מיינסטע פעלקער מיט דער אידישער פאלק ווי די אידישע פאלק וואלט געוועז שעפסעלאך אהן א פאסטוך און זיי זיינען די ווילדע חיות וואס האבען זיך נאר וואס אראפגעריסען פון קייט, זיי פאנגען אן צו הדיקען איהם און בארויבען אים און שלאגען אים אומברחמנות'דיג זא פיעל, אז די איבעריגע וועלט קענען שוין ניט צוזעהן, הויבט מען אן שרייען אויף זיי פאר זייער גרויזאמקייט, ענטפערען די מערדער: זיי זיינען אונזערע בירגער, קענען מיר מיט זיי טאהן וואס מיר ווילען, דאס איז אונזערע א אינערליכע אנ־געלעגענהייט. זאגט מען זיי, אויב זיי זיינען אייערע בירגער, מוזט איהר זיי דאך באשיצען, ענטפערען זיי מיט דעם וואס זיי נעהמען צו די בירגער רעכטע ביי אלע אידען און זיי ווערען הפקר און זיי טהוען מיט דעם אידען וואס זיי ווילען. נאר דאס קען איך ניט בעגרייפען, אויב איהר זאגט זיי אפ פון בירגערשאפט, זיינען זיי דאך ניט אייערע, מעגען אלע

זיך איינשטעלען פאר זיי און קענען דאך אנדערע פעלקער, זיי בעשיצען, אבער עס זיינען דא ווייניג פעלקער וועלכע זאלען וועלען געהן קעמפפען פאר דעם אידען — טראָץ דעם וואס עס איז דא איניגע פעלקער וועלכע זיינען קען זיין פון דער זעלבער ראסע וואס דער אידישער פאלק איז און עס קען זיין אז די אונטערדריקער זעלבע זיינען איין ראסע מיט דעם אידישען פאלק פון גאר לאנגע צייטען און דאך אונטערדריקען זיי און זיי קלעהרען גארנים פארוואס דריקען מיר זיי, וואס פאר א אומרעכט האבען זיי בעגאנגען געגען אונז?

מיר האבען נאך נים געהערט קיין מאהל פון קיין פאלק מען זאל אונז בעדויערען וואס מיר האבען נים קיין לאנד, קיין חיים, און מיר האבען אלע מאהל געהאט פיעל שונאים און אלע מאהל האבען אונזערע שונאים געוואלט, אז קיין אידישע פאלק זאל חו"ח נים זיין אויף דער וועלט, אבער עס האט זיי קיין מאהל נים געהאלפען, ווייל יעדעס מאהל האט ג' צוגעשיקט א רעטער און האט נים דערלאזען צו פארלענ־דען אונז, ווייל דער עוויגער גיט שטענדיג אכטונג אויף זיינע שעפעלאך און די פעלקער האבען אויך געהאט מענש־ליכקיים אביסעל.

זיי האבען אונטערדריקט אבער זיי האבען געגלויבט און געוואוסט, אז אומגליקליך איז די פאלק וואס פארטשעפעט זיך מיט דעם אידען, און זיי האבען גלייך אויפגעהערט, און די פעלקער פון דער וועלט האבען גלייך מיט ג' ווילען אנגע־

פאנגען פראטעסטירען און ג׳ האט געהאלפען עס איז געוואַרען לייכטער, און מיר זיינען געוואָרען צופרידען, כאטש אין גלות זיינען מיר געבליבען, ד״ח — חבלי משיח האבען מיר געהאט, קרבנות געהאט, פאגראמען האבען מיר איבערגעלעבט און ווי מען האט אפגעלאזען די פאגראמען האבען אויפגעהערט ווייטער צופרידען וועגען קיין זאך ניט געטראכט ווייטער אין גלות געבליבען צופרידענע וואס מען לאזט לעבען פלעגט מען אנפאנגען שטערען אין עבודת השי״ת, האבען מיר זיך מוסר נפש געווען ווי דער דין זאגט, דאס קענען אויף אונז עדות זאגען אלע פעלקער פון גאר דער וועלט, וועלכע האבען אונז געשטערט אין אונזער אפהיטען די תורה און קיינער האט זיי קיין מאהל ניט געפרעגט מיט וואס פאר א רעכט שטערט איהר זיי אפהיטען רעליגיאן, מען טהוט דאך קיינעם ניט קיין שלעכטס מיט אפהיטען די תורה מיט די מצוות.

## ב.

און מיר זעלבע האבען אויך קיין מאחל ניט געפרעגט ביי אונזערע שונאים: וואס טהוען מיר אייך, וואס פאר א שלעכטס האבען מיר געטאהן, וואס פארגיסט איהר אונזער בלוט אומזיסט? מיר האבען דאס קיין מאהל ניט געטראכט, מיר האבען זיך צוגעוואוינט, אז מיר זיינען די שעפסלאך און זיי זיינען די חיות און זיי מוזען אונז בייסען און עסען און טאהן מיט אונז וואס זייער הארץ גלוסט. עס קען זיין,

אז מיט דעם כח האבען מיר איבערגעלעבט אונזערע שונאים, אבער אין גלות זיינען מיר, נידעריגער פאר אלע פעלקער, געשלאגען פון אלעמען, הפקר פאר אלע נידערטרעכטיגע, און ווען ניט חסדי הש״י וואלטען זיי אונז אלעמען חו״ח אויסגע־ראט, און דאס זאגט דוד המלך ע״ה: „ד׳ רועי לא אחסר״, ווייל ג׳ איז מיין פאסטאך דערפאר פעהל איך ניט פון דער וועלט. ג׳ ב״ה מיט זיינע חסדים האלט ער אונז אויף דער וועלט און מיר זיינען צופרידען מיט אונזער גורל, און מיר דאנקען און לויבען דעם רבש״ע פאר אלעם און מיר זיצען און ווארטען ביז גב״ה וועט זיך מרחם זיין אויפ׳ן כלל ישראל און וועט אונז ברייגנען דעם גואל צדק, עס וועט קומען די גאולה וועלען מיר פטור ווערען פון אלע צרות, וואס דאס וועט זיין גאר אין ניכען.

## ג.

מיר האבען שוין פעל מאהל נעהאט יסורים, מיר האבען איבערגעלעבט שלעכטע צייטען זעהר פיעל אין אונזער לאנגען ביטערען פינסטערען גלות, דאס איז אלץ געווען חבלי משיח, אבער חבלי משיח האבען מיר געהאט זעהר פיעל, אבער קיין גאולה איז ניט געקומען, ווייל מיר האבען פארשלאפען, מיר האבען זיך ניט בעטראכט פארוואס קומט די חבלי משיח. ג׳ איז זעהר א גוטער טאטע און ער גלייכט און ליבט זיינע קינדערלאך, זיין פאלק ישראל פאר־וואס גיט ער יסורים, איז דאס דען חו״ח אומזיסט און בפרט

# קול מבשר

אז מיר האבן געזעהן אז חבלי משיח זיינען געווען, אריבער פאגראמען איבערגעלעבט, געשלאגען געווארען, זעהר פיעל פאר גארנים, וואס מיר האבען קיינעם קיין שלעכטס געטאהן. אין פייער האט מען אונז געברענט, אין וואסער געווארפען, אונזער פארמעגען אוועקגענומען און מיר האבען קיין מאהל נים בעטראכט אז עס האט געקענט זיין אנדערש. מיר האבען שטענדיג אנגעהאנגען אז דאס איז חבלי משיח, און מיר האבען אלע מאהל פארגעסען אז עס איז פאראן א גאולה פון זכוי.

עס איז פאראן 2 גאולות: עס איז דא א גאולה וואס וועט קומען ווען מיר וועלען אפילו נים ווערט זיין חו"ח, יענע מוז קומען צו מיר זיינען ווערט צו נים ווערט, און יענע חו"ח קומט מים גרוים יסורים ר"ל און ד"ה חבלי משיח און א גאולה וועלכע קומט ווען מען איז זי ווערט, וועט זי קומען מים געזאנג.

ד"ה אז מען איז ווערט וועט זי זיין א גרינגע גאולה, ווארום קומט זי שווער האבען מיר זיך פארטראכט און בפרט אז נאך די חבלי משיח און משיח איז נים געקומען, האבען מיר געווים געדארפט זיך בעטראכטען פארוואס איז דאס אזוי? פארוואס קומט אזוי פיעל יסורים, כאטש דער ריכטיגער איד דארף וויינגער פרעגען קשיות, ער דארף זיין שטארק אין אמונה און זיין בטחון דארף זיין גרוים, אז ג' ב"ה וועט איהם העלפען, אבער די גמרא זאגט דאך: „אם רואה אדם שיסורים באים עליו יפשפש במעשיו" ד"ה אז א מענש מוז נאכזוכען זיינע מעשים אז ער זעהט הו"ח יסורים. צו האבען מיר זיך פאר־טראכט וועגען אונזערע מעשים וואס מיר דארפען טאהן ווי

נאר די חבלי משיח האבען אויפגעהערט, איז כאטש די גאולה איז ניט געקומען זיינען מיר געבליבען צופרידענע אין אונזער גלות, און מיר האבען קיין מאהל ניט געטראכט, אז עס קען זיין אנדערש און מיר האבען אלע תשעה באב געזאגט קינות, וואס דאס איז געווען א גרויסער כח, אז מיר זאלען געדיינקען ווער מיר זיינען, אבער טראכטען פארוואס קומט אונז דער גלות אז מען שטראפט חו"ח איז דאך דאס ניט אומזיסט, וויל מען דאך עפעס האבען פון אונזער שטראף האבען מיר חו"ח געליטען, אבער קיין גאולה איז ניט געקומען, אבער בעטראכטען האבען מיר דאס קיין מאהל ניט געוואלט ביז עס איז געקומען די יעצטיגע חבלי משיח, אזעלכע אומבעשרייבליכע צרות מיט יסורים מיט גרויזאמקייט וואס איז קיין מאהל ניט געווען אין דער היסטאריע.

די סימנים פון א גאולה זעהען מיר. חבלי משיח האבען מיר, עס איז אויפגעשטאנען אויף אונז פיעל שונאים און ווילען אונז חו"ח אויסראטען, זיי טהוען אלעס שלעכטעס צום אידען, זיי נעהמען ביי איהם זיינע בירגער רעכט און מאכען איהם הפקר, זיי מאכען איהם צו שאנד און צו שפאט, זיי באגעהען שרעקליכע מערדערייען, זיי נעהמען ביי איהם אלעס וואס ער האט, זיי באגעהען אזעלכע גרויזאמקייטען וואס עס וואלט געווען א שאנדע אין מיטעל-אלטער, דאס איז פערשטענדליך, אז דאס איז חבלי משיח — אויפצואוועקען אונז פון אונזער שלאף. טארען מיר ניט זיין גלייכגילטיג צו די חבלי משיח און מיר טארען אויך ניט לייגען אונזער האפנונג אויפ'ן פרידענס-טיש וואס מען וועט אונז אפשר צוואווארפען ברעקלאך.

## ד.

מיר מוזען זיך בעטראכטען וואו זיינען מיר אין דער וועלט. מיר מוזען זיך אליין פרעגען פארוואס קומט אונז אזא גלות, פארוואס זיינען מיר ערגער פון אלע פעלקער פון דער וועלט? און די גמרא זאגט, אז יעדער דור וועט דארפען אפגעבען דין וחשבון פארוואס דער בית המקדש איז נישט געבויט געווארען אין זיין צייט, יעדער מוז זיך פארשטעלען אזוי אויב ער ווערט נישט געבויט אין זיין צייט איז דאס ווי עס וואלט הרוב געווארען אין זיין צייט — צו האבען מיר זיך פערטראכט פארוואס איז חרוב געווארען דער ביהמ"ק? פארוואס זיינען אידען פארטריבען געווארען פון זייער חיים? פארוואס זאלען מיר ליידען אזא ביטערען גלות? מיר האבען קיין מאחל נישט געטראכט אזוי שארף קען מען נישט זאגען דאס האבען נאר געטאהן יחידים איינצעלנע מענשען, זיי האבען פערבעסערט זייערע מעשים און זיי האבען געווירקט מיט זייערע מעשים אויף פיעלע אידען און פיעלע זיינען געווען א גרויסע ליכטיגקייט פאר כלל ישראל, ד"ה דורכגעטראכט זייערע מעשים האבען נאר איינציגע, זיי האבען געזעהן אז קיין פעהלערען זאל נישט זיין, און טאמער האבען זיי געמאכט פעהלערען און זיי האבען געטאהן וועלכע עס איז אומרעכט, האבען זיי חרטה געהאט און זיי האבען געזעהן אז זיי זאלען מעהר קיין פעהלערען מאכען, נישט קיין גייסטליכע, נישט קיין פאליטישע, נישט קיין מאראלישע, און אזוי האבען מיר שעהנע יחידים וואס זיינען א שטאלץ פאר'ן יודענ־

טום, אבער דער כלל אלס א גאנצער האט זיך קיין מאהל זיך פארטראכט וועגען זיין גורל. דער כלל אלס א גאנצער האט קיין מאהל ניט געוואלט וויסען וועגען זיינע מעשים, דער כלל אלס א גאנצער האט קיין מאהל ניט געקלערט אפשר זיינען מיר אין גלות און מיר ליידען זא פיעל צרות קען זיין פאר די מעשים פון כלל, כאטש אין כלל זיינען מיר שעהנער פון אלע פעלקער, אבער עס קען זיין אז דער כלל איז בעגאנגען פעה־לערען וואס דער גלות איז בארעכטיגט און כל זמן דער כלל פיקסט ניט זייגע פעהלערען מוז זיין דער גלות, און דאפיר ליידען מיר חבלי משיח און משיח קומט ניט.

דער כלל אלס א גאנצער מוז בעטראכטען זייגע וועגען און מיז וויסען צוליב וועלכע פעהלערען דער גלות איז געקו־מען און מען מוז זיי צופיקסען אונזערע מעשים פון כלל יוע־לען גלייך אויפהערען די חבלי משיח און די גאולה וועט קומען.

## ת.

שולדיג דערין וואס מיר האבען זיך קיין מאהל ניט פאר־טראכט די סבה פון אונזער גלות איז די קליינקייט פון אונזערע פיהרער. מיר האבען געגעבען דער וועלט גרויסע מענשען אויף אלע געביטען און זיי האבען פאר פרעמדע אויפגעטאהן זעהר פיעל. די גרויסע מענשען זיינען געגאנגען ארבייטען ביי פרעמדע פעלדער און ביי אונז זיינען פיהרער ווער עס קען ריידען מיט א פאליסמאן 2 ווערטער אין א פרעמדער

# קול מבשר

שפראך. די קליינקייט פון אונזערע פיהרער איז דאס זיי זעהען נים וואס לעבען זייער נאז טהוט זיך, נים נאר האבען זיי נים דערגרייכט אז זיי זאלען פאראויס זעהן וואס עס קען פאסירען אין א דור שפעטער, זיי ווייסען אפילו נים וואס איז געווען, זיי האבען קיין מאהל נים בעטראכט פיליכט האט דער כלל בעגאנגען וועלכע פעהלערען וואס מען מוז פיקסען און נאכהער זעהן אז דער כלל זאל אויסבעסערען זיינע פעהלערען כדי ער זאל ראוי זיין און זאל ווערט זיין דאס די חבלי משיח זאל סטאפען און די גאולה זאל קומען אפריהער, דארף קענען אויפהויבען די פאלק אויף איהר הויך וועלכע זי דארף שטיין, דאן קומט די גאולה במילא.

פלענער זוכען פאר דעם אידישען פאלק דאס איז נאריש־קייט. יעדער איינציגער איד איז א מנחם מענדעל און טראגט זיך ארום מיט טויזענטער פלענער ווי צו מאכען דאס אידען זאל זיין גוט — דער מיט ציוניזם, דער מיט סאציאליזם, דער מיט בונדיזם, דער מיט אסימילאציע און דער מיט אנדערע פלענער. און אויף אויסארבייטען פלענער דארפען זיי נים קיין פיהרער, זיי דארפען א פיהרער ווי משה רבנו וואס זכה וזיכה את הרבים, ער האט זיך אויפגעהויבען צו דער גרויסער הויך, אז זיי זיינען ווערט געווען צו נעהמען א תורה פון גב״ה אליין, אבער אזעלכע פיהרער וואס זעהען נים און ווייסען נים פון וואנען נעהמט זיך דער גלות און קענען נים אויפהויבען דעם כלל ישראל, אז ער זאל אויסבעסערען זיינע פעהלערען, ער זאל ווערט זיין א גאולה — וואס פאר א פיהרער איז דאס? זיי דיינקען אז די גאולה וועט איהר נעהמען מיט געוואלד, כל

זמן דער פאלק שטייט ניט אויף זיין געהעריגע הייך, איז די נאולה קיין גאולה, עס איז זעהר שווער אויפהייבען דעם אי־דישען פאלק צו זיין הייך, ער איז זעהר צוזייעט און צושפרייט איבער גאר דער וועלט, ניט אזוי ווי מאטעריאליש איבערהויפט גייסטליך. יעדער געהט זיך זיין וועג מיט פארשידענע פאר־טייען און ארגאניזאציאנען און איינע וויל ניט וויסען פון די אנדערע. איז די רעליגיעס, איז די אנטי־רעליגיעס; איז די ארטאדאקסיש, איז די רעפארם און די שנאה פון איינע צו די צווייטע איז אזוי גרויס, אז זיי ווילען קיין מאהל ניט ארבייטען צוזאמען און יעדער וויל ציהען די אידיש פאלק צו זיך.

אינסטיטושאנס האבען מיר מעהר פון אלע פעלקער, ווייל ווער עס וויל געהט און מאכט אינסטיטושאנס און אונזערע ארימע לייט וואלגערען זיך אין די פארקס, געלט קאסט אונז זעהר פיעל און אונזערע אנשטאלטען קלאפען שטענדיג מיט די פושקעס, ווייל עס איז ניטא קיין ארדנונג אין דעם אידישען לעבען, עס איז ניטא דער כח אויסער ג׳ ב״ה וועלכער זאל זיי צוזאמען נעהמען אין איינעם. אונזערע פיהרער האבען קיין מאהל ניט געטראכט וועגען דעם, דאפיר ליידען מיר גלות, ווייל מיר האבען קיין פאראייניגונג און מען האט אונז קיין מאהל ניט אויפגעפאדערט וועגען פאראייניגונג און כדי צו פאראייניגען דעם כלל מוז מען פריהער אויפהויבען יעדען פרט אויף אזא אופן, אז ער זאל פערשטיין אז ער מוז טאהן זיין חוב צום כלל סיי מאטריאליש, סיי גייסטליך, און אפען גערעדט, יעדער יחיד מוז זיך זעהן שטארקען, אפהיטען דעם לערנען די תורה און אפהיטען די מצוות, דאס טהוט ער זיין חוב

צו זיך און צום כלל. דהיינו: ער היט שבת, איז ער פאראייניגט מיט כלל ישראל אויף האבען דעם זעלבען רוה טאג, און ווי די גמרא זאגט: „אלמלי שמרו בני ישראל שתי שבתות מיד הן נגאלין” ד״ה אז אידען זאלען היטען 2 שבתים ווערען זיי גלייך אויסגעלייזט. אז ער גיט זיין קינד א אידישע ערציהונג ווערט זיין קינד א איד מיט אלע אידען צוגלייך, אז ער היט טהרת המשפחה ברייגנט ער ניט קיין פארדארבענע קינדער פאר דעם כלל ישראל, און אזוי מיט אלע מצוות, מוז זיך יעדער זעהן סטארען זיך און אויפהויבען זיך הויך אלס א פרט און ווען מיר וועלען אלע טאהן אונזער חוב צום אידישען פאלק און מיר וועלען אפהיטען די תורה מיט די מצוות וועלכע דער עוויגער האט אונז געבאטען וועלען מיר אלע ווערען פאראייניגט, וועלען מיר ווערט זיין, וועלען מיר פערשטיין די סבה פון אונזער גלות ביז יעצט און מיר וועלען אויסבעסערען אונזערע וועגען, ווי מיר זאגען: נחפשה דרכינו ונחקרה ונשובה אליך” ד״ה מיר אלע מוזען נאכזוכען אונזערע וועגען, און מיר דארפען וועלען דערגיין די סבה פון אונזער גלות ונשובה אליך, איז די ערשטע זאך איז ונשובה אליך ד״ה תשובה — דער פרט, דער כלל, די גאנצע וועלט.

## ז.

ווי ספרים הקדושים שרייבען אז משפט ד"ה דין ר"ל ווערט גע'משפט דער יחיד, ד"ה דער איינציגער, נאכהער דער כלל און נאכהער די גאנצע וועלט. ווען א מענש טהוט א מצוה וועגט ער אריבער זיין וואגשאל צו גוטען, ווייל א מענש דארף זיך רעכענען, אז ער איז אלע מאהל מיטעלמעסיג, ניט קיין צו־גרויסער צדיק און ניט קיין צו־גרויסער רשע. אויב ער וועט רעכענען אז ער איז א גרויסער צדיק וועט ער זאגען וואס זאל איך טאהן נאך מצוות, איך האב שוין פיעל מצוות, אפילו אז איך וועל טאהן עטליכע עברות וועט אויך מיין וואגשאל אריבערוועגען צו גוטען, דאריבער זאגט מען האלט זיך ניט פאר א גרויסען צדיק; פאר א גרויסען רשע דארף ער זיך ניט האלטען, כדי ער זאל ניט טראכטען וואס איז דער נוץ אז איך וועל טאהן מצוות אז איך האב זא פיעל עברות אז מיין וואגשאל וועט זא ווי זא אריבערוועגען צום שלעכטען, דא־פיר זאגט מען איהם: האלט זיך ניט פאר א גרויסען רשע, נאר האלט זיך ווי דו ביסט, גלייך אויף גלייך — האסטו געטאן א מצוה וועגט אריבער דיין וואגשאל צום גוטען, האסטו גע־טאן א עבירה חו"ח וועגט אריבער דיין וואגשאל חו"ת צום שלעכטען, און אזוי ווי עס איז ביי דיר אין האנד אריבערצו־

ווענען דיין וואנשאל צו גוטען אדער צו שלעכטען, אזוי איז ביי דיר אין האנט אריבערצואווענען דעם גאנצען כלל ישראל צו גוטען אדער צו שלעכטען, ווייל יעדער איד דארף טראכ־טען אז דער גאנצער כלל ישראל איז האלב און האלב — האלב צדיקים און האלב רשעים — האט דער איד געטאהן א מצוה, ער איז דאך געווארען א צדיק, איז דאך א צדיק מעהר ווי האלב, וועגט שוין אריבער די וואגשאל פון די צדיקים, און די זעלבע איז מיט דער גאנצער וועלט.

## ז.

און ביי יעצטיגע צייט פון די חבלי משיח ווערט דאך גע־משפט יעדער איינער צו ער זאל זוכה זיין צו געהן אנטקעגען דעם מלך המשיח אדער חו"ח עס ווערט אויך גע'משפט דער כלל ישראל צו די גאולה זאל זיין א גרינגע צו חו"ח מיט יסורים, און די גאנצע וועלט ווערט גע'משפט וועלכע מדינה זאל זיין און וועלכע מדינה זאל חו"ח אונטערגעהן. עס איז חו"ח א גרויסער יום הדין און די וועלט פיהלט גארניט. יעדער איינער איז פארטיפט אין זיין ביזנעס, אין זיין מאטריאלישע ארבייט. יחידים זיינען יע די וואס בעטראכטען די לאגע פאר ערנסט, פאר הייליג. זיי הייליגען זיך, זיי גרייטען אויף די גרויסע זאכען וואס עס קען קומען יעדע ווילע אומגעריכ־טערהייט.

דאפיר דארף יעדער איינער זעהן יעצט תשובה טאהן און גרייטען זיך צו דער הייליגער גרויסער שטונדע וואס עס וועט קומען גאר אין גיכען. ער דארף מעהר לערנען תורה

און אפהיטען מצוות, כדי ער זאל אריבערוועגען זיין וואג־שאל און די וואגשאל פון כלל ישראל צו גוטען, און אז דער פרט וועט זיך אויפהייבען צו א העכערער מדרגה, דאן ווע־לען מיר זיך פאראייניגען צו תורה מיט מצוות און פאראיי־ניגטערהייט וועלען מיר אויסבעסערען די מעשים פון פרט און אויך פון דעם כלל וועלען מיר דאן ווערט זיין א גוטע גרינגע גאולה און מיר וועלען זוכה זיין אז די שכינה זאל זיין מיט אונז.

## ח.

איך מוז געבען א הקדמה צו דיזען חשוב'ען ספר, ווייל דיזער ספר איז א קול־קורא צו דעם כלל ישראל אלס א גאנצער, דאס מען זאל חו"ח ניט דורכלאזען די געלעגענהייט פון דער צייט, וועלכע אלע בעוויזע זיינען דא, אז די צייט איז חבלי משיח און די גאולה איז נאהענט און זי וועט זיין גאר אין גיכען, אויב מיר וועלען זיך אויפהויבען צו א העכערער מדרגה אז מיר זאלען ווערט זיין די גאולה. עס איז אויך ביי אונז אין האנד צו פארקלענערען די יסורים, אויב מיר וועלען זיך וואס שנעלער ארומטראכטען וואו מיר זיינען, וואס טהוט זיך מיט אונז. די צייט איז זעהר א אויסערגעוויינליכע, אלע פעלקער ליידען, אבער דער איד ליידט מעהר פאר אלע פעלקער. אויסער וואס ער ליידט מיט אלע פעלקער צוגלייך, ווייל ער געפינט זיך ביי זיי, ליידט ער נאך פון שונאים, וועלכע טהוען איהם אזעלכע אכזריות'דיגע מעשים וואס איז אומבאשרייבליך — דארפען מיר דאך פרעגען: זיינען מיר דען ערגער פאר אלע

# קול מבשר

פעלקער וואס אונזער בלוט גיסט זיך ווי וואסער און קיינער קימערט זיך נים? האט מיינער א רבי, הגאון ר׳ חיים האנטמאן זצ״ל, געזאגט: אשמנו מכל עם? צו דען זיינען מיר שולדיגער פאר אלע פעלקער וואס מיר ליידען אלע מאל מעהר פאר אלע? נאר בושנו מכל דור, ד״ח מיר דארפען זיך שעהמען פאר יעדען דור. פארצייטען אז גלה ממנו משוש, אז עס פלעגט ווערען אומעטיג אביסעל איז שוין דוה לבנו בחטאנו, פלעגט מען שוין נאכזוכען די מעשים, אבער יעצט חוחבל אווינו וכו׳ מיר האבען זא פיעל צרות, עס ליידט די גרעסטע העלפט פון דעם אידישען פאלק, דער ביהמ״ק איז הרוב, די אידישע מאסען ווערען פאגראמירט, זייער פאר־מעגען ווערט צורויבט, יעדען טאג קומט אן נייעס — איין טאג ערגער פאר דעם אנדערען — ועדיין לא שבנו מטעותנו, און מיר — דער כלל אלס א גאנצער — האבען נאך קיין תשובה נים געטאהן, מיר פארטראכטען זיך גארנים. יחידים האבען פיעל תשובה געטאהן, אבער דער כלל אלס א גאנ־צער ווארט. מיר האבען געהאט פיעל חבלי משיח, מיר הא־בען פארשלאפען, האבען מיר געהאט נאר די יסורים, אבער די גאולה איז נים געקומען, ווייל מיר האבען זיך נים אויפ־געהויבען העכער אלע צו אזא מדרגה, אז מיר זאלען ווערט זיים די גאולה. וואס ווארטען מיר אלע מיט אונזער תשובה? מיר מוזען זיך אלע פעראייניגען און ווערען א כלל מיט א הויך דאס מיר זאלען ווערט זיין א גאולה און א גרינגערע מיט געזאנג, צו א כלל א העכערען. קענען מיר דערגרייכען נאר אז מיר זאלען זיך נעהמען צו למוד התורה, דורך למוד התורה

וועלען מיר קומען צו א מדרגה אז אונזער ווילען זאל זיין צו פאראייניגען זיך, אפהיטען זיינע מצוות, וועלען מיר ווערט זיין אז די גאולה זאל קומען גרינג און גאר אין גיכען.

אמערשטען מוז תשובה טאהן דער פרט, יעדער איינער מוז איבערטראכטען אויסער וואס ער האט געזינדיגט צו ג' ב"ת פילייכט האט ער געזינדיגט צום כלל ישראל, וואס ער האט געשטערט פאראייניגונג פון דעם כלל ישראל און פילייכט האט ער ניט געטאהן זיינע פליכטען צום כלל ישראל, דארף ער דארויף תשובה טאהן. דער כלל ישראל דארף תשובה טאהן אלס א גאנצער אי רעליגיעזיש, אי פאליטיש. מיר מוזען זיך אלע פאראייניגען מיט אלע אונזערע כוחות, דאס מיר זאלען אפהיטען די תורה אלס א גאנצע, נים שטיקלאך פון איהר און בעטראכטען גוט פילייכט האבען מיר אויך פארגרייזט פאליטיש אדער דיפלאמאטיש, און אמאהל באצאהלט א פאלק זעהר טייער פאר אזעלכע גרייזען, און אז יעדער פרט וועט זיך אויפהויבען צו זיין הויך און ער וועט טאהן זיין פליכט צום כלל און ער וועט אפהיטען די תורה מיט די מצוות וועט ווערען א הויכער פאראייניגטער כלל, דאן וועט דער כלל קענען בעטראכטען זיינע וועגען, און מיר קענען בעטען ביי ג' ב"ת:

# קול מבשר

„השיבנו ד' אליך ונשובה חדש ימינו כקדם" און דער רבוש"ע
וועט גלייך צוהערען, ווייל עס וועט זיין ישראל אורייתא
קודשא בריך הוא חד הוא און עס וועט גלייך קומען דער גואל צדק
און מיר וועלען געהן לציון ברנה, אמן.

כברכת,

**הרב ר' אלי' מרדכי הכהן מוזה**

## יעדער איד איז מחוייב צו קויפען די ספרים
## שיקט אייערע אדרעסען און פאָדערט די ספרים

ספר „שפתי־ראם," ספר יקר וחשוב ללומדי תורה מצא חן בעיני מבקשי דבר ד'.

ספר „חדוש רא"ם," חדושים ובאורים בש"ס.

ספר „הגה רא"ם," דרשות והדרנים.

ספר „הצלת־נפשות," א וויכטיגער ספר צו וויסען וואָס עס ליגט אויף א אידען צו טאָהן אלס איד.

ספר „ברכת הנפשות," ארויסגענומען פון שלחן ערוך און אנדערע ספרים.

ספר „שמירת־הנפשות," דער ספר לערענט אונז ווי צו דינען ג' און ווי צו טאָהן זיין רצון.

ספר „פתרון־חלומות," א ספר וואָס לערענט אונז ווי צו האָבען גוטע חלומות.

ספר „די שוהל און דער פרעזידענט," צו וויסען ווי א שוהל דארף זיך פיהרען על פי דין תורה.

ספר „נדה חלה הדלקת הנר"

**מהרב ר' אלי' מרדכי הכהן מזאה**